# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת דברים, שבת חזון, ד' אב, אבות פרק ב', שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 44 (458)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:04
מוצאי שב"ק....................9:30

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............יחזקאל כ"ב-כ"ג
בבלי.......................שבת קמ"א
ירושלמי..................סוכה י"ב
תוספתא..................סוכה ג'
רמב"ם............יסודי התורה ד'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וָאֹמַר אֲלֵכֶם לֹא תַעַרְצוּן וְלֹא תִירְאוּן מֵהֶם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ע"ח): דֶער דִיבּוּר אִיז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע, אַ מַאמֶע גֵייט מִיט מִיטְ'ן קִינְד אֲפִילוּ אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, אוּן וַואשְׁט אִים אוּן רֵיינִיגְט אִים אָפּ אוּן טוּט אִים אִיבֶּער, אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דֶער דִיבּוּר, גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, וִויבַּאלְד עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶועט דָאס אִים אָפְּהִיטְן.

אָבֶער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן דֶער עִיקָר 'גְלֵייבְּן אִין זִיךְ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"א): אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ. אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיךְ פּוֹעֶלְ'ן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ס"ז) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן אוּן רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָשׁ. וַוייל דֶער בֵּית הַמִּקְדָשׁ אִיז דֶער פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיז דֶער פְּלַאץ פוּן דַעַת אוּן שֵׂכֶל! אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת לג.): **כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵעָה כְּאִלוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָשׁ בְּיָמָיו**. אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶס וֶוערְט אַ חוּרְבָּן אִין דִי מוֹחִין [נֶערְוִון] פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָשׁ, דָא הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע נִסָיוֹן.

הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק [בֶּענְדֶער] זַצַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶרֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה: אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בּוּטְשֶׁער אוּן צוּם בֶּעקֶערַיי אוּן צוּם גְרָאסֶערִי, אוּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, אַז אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן זָאלְן זֵיי אַרוֹיס גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ פַאר אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט וָואס וֶועלְן קוּמֶען מִיט אַ צֶעטְל פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט דָאס בַּאצָאלְט, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן וואוּ עֶר בַּאצָאלְט דָאס, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נָאמֶען פַאר אַ גַבַּאי צְדָקָה.

וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶער רֶעדְל, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ גֶעבְּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען אִין גְרָאסֶערִי אוּן אִין פִישׁ סְטָאר אוּן אִין בֶּעקֶערַיי, הָאט מֶען מֶער נִישְׁט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט. הָאט מֶען אִים בַּאפַאלְן, "דוּ גַנָב! דִי גַזְלָן! דוּ קַארְגֶער!", הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעגֶעבְּן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט". אוּן פוּן שׁוּל צוּ שׁוּל הָאט מֶען אִים פַארְטְרִיבְּן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהָאלְפְן אַלֶעמֶען, אוּן נִישְׁט גֶענוּג אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, אִיז מֶען מִיךְ נָאךְ מְבַזֶה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע בִּזְיוֹנוֹת?!', אִיז עֶר אַזוֹי גֶעלִיגְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְלַאפְּט אִין פֶענְסְטֶער אוּן גֶעשְׁרִיגְן, "דוּ גַנָב! פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיס?!"

בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד צוּ אִים אוּן הָאט אִים גֶענוּמֶען אוֹיסְרֶעדְן: דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת, אוּן דוּ בִּיסְט בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם 'נִסָיוֹן הָעוֹשֶׁר' הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט, יֶעצְט פְּרוּבִּירְט דִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיס מִיט אָרֶעמְקֵייט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ יֶעצְט דֶערְהַאלְטְן, אוּן צוּ דַיין אָרֶעמְקֵייט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיכֶעט אַז מֶען שְׁרֵייט דִיר נָאךְ, גַנָב! גַזְלָן! אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר, אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר כָּל דָבָר אָסוּר, פַּאסְט דָאס דֶען דִיר אַז יֶעצְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּיישְׁטֵיין דֶעם 'נִסָיוֹן הֶעוֹנִי'?! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים צוּגֶערֶעדְט, אַז עֶר זָאל גֵיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ דָאךְ מוֹרָא אַז מֶען וֶועט אוֹיף מִיר אַרוֹיף טַאנְצְן, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: שְׁוַוייג! אוּן מַאכְט דִיךְ נִישְׁט צוּטוּן, וַוייל דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דוּ הָאסְט יָא גֶעטוּן גוּט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט.

בִּיז עֶר הָאט אִים אַזוֹי מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיט. אוּן אִיז

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת חֲזוֹן - תִּשְׁעָה בְּאָב

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שַׁבָּת חֲזוֹן". אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָשׁ, אִיז אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב, וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט. רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט אָבֶער גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶע אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

דִי צַדִיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, וֶועלְן דִי טֶעג אָבֶער צוּם סוֹף אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶעפַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי מֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן, אַז דֶער בָּחוּר זָאל הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; אָן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ לֶעבְּט מֶען בְּהֶפְקֵרוּת.

אִיךְ זֶע מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן זִיךְ נָאךְ פַאר אַ שִׁידוּךְ אַלֶע סָארְט פְרַאגֶעס אוֹיפְ'ן בָּחוּר, בְּשְׁעַת מֶען דַארְף וֶוען פְרֶעגְן נָאר אֵיין פְרַאגֶע, צִי דֶער בָּחוּר הָאט אֵיינֶעם וֶועם עֶר הֶערְט אוֹיס, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען מֶער גָארְנִישְׁט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְבָרִים תשי"פ)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וֶועסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, אָדֶער וֶועסְטוּ צֶעפַאלְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט דִיר אוֹיס, עֶר וִויל זֶען אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אָדֶער דוּ וֶועסְט צֶעפַאלְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לד, ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים יא, ה): "ה' צַדִּיק יִבְחָן" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס צַדִיקִים, אָמַר רַבִּי יוֹנָתָן: "הַיּוֹצֵר הַזֶּה אֵינוֹ בּוֹדֵק קַנְקַנִּים מְרוֹעָעִים, שֶׁאֵינוֹ מַקִּישׁ עֲלֵיהֶם אַחַת עַד שֶׁהִיא פוֹקַעַת, וּמַה הוּא בּוֹדֵק, קַנְקַנִּים יָפִים, שֶׁאֲפִלּוּ הוּא מַקִּישׁ עָלָיו כַּמָּה פְּעָמִים אֵינוֹ נִשְׁבָּר", דֶער טֶעפֶּער וָואס מַאכְט עֶרְדֶענֶע כֵּלִים, וֶוען עֶר וִויל אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צִי דִי כֵּלִים זֶענֶען גֶענוּג שְׁטַארְק קְלַאפְּט עֶר נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע כֵּלִים, וַוייל זֵיי קֶענֶען זִיךְ גְרִינְג צֶעבְּרֶעכְן, נָאר עֶר קְלַאפְּט אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע כֵּלִים, אַזוֹי אִיז עֶר עֶס בּוֹדֵק, "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר אוֹיס דִי צַדִיקִים, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז זֵיי וֶועלְן אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן וֶוען עֶס גֵייט זֵיי שְׁוֶוער.

רַבִּי יוֹסִי זָאגְט: דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פְלַאנְצְט פְלַאקְס, וֶוען עֶר הָאט גוּטֶע פְלַאקְס קְלַאפְּט עֶר אוֹיף זֵיי אוּן עֶר צֶעהַאקְט זֵיי. אוּן וִוי מֶער עֶר קְלַאפְּט אוֹיף זֵיי וֶוערְן זֵיי בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, אַזוֹי אוֹיךְ טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דִי צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "ה' צַדִּיק יִבְחָן".

רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גְלַייכְט דָאס צוּ צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס הָאט צְוֵויי קוּעֶן, "אַחַת כֹּחָהּ יָפֶה וְאַחַת כֹּחָהּ רַע", אֵיין קוּ אִיז אַ שְׁטַארְקֶע קוּ אוּן אֵיינְס אִיז אַ שְׁוַואכֶע קוּ, "עַל מִי הוּא נוֹתֵן הָעֹל", אוֹיף וֶועלְכֶע קוּ לֵייגְט עֶר אַרוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע עוֹל? "לֹא עַל אוֹתָהּ שֶׁכֹּחָהּ יָפֶה", צִי דֶען נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע? "כָּךְ אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְנַסֶּה אֶלָּא אֶת הַצַּדִּיקִים", אַזוֹי אוֹיךְ טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דִי צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "ה' צַדִּיק יִבְחָן".

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועט זַיין שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִיר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְבָרִים תש"פ)

>>>>>>

שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וִויפִיל קֶען מֶען שׁוֹין מְבַזֶּה זַיין אַ אִיד, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ זֶענֶען אַלֶע מִיד גֶעוָוארְן אִים צוּ רוֹדְפְ'ן, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶס הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעדְרֵייט דֶער גַלְגַל, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּרִיק אַן עוֹשֶׁר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים, זָאל עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נָאכְאַלְץ לִיבּ אוּן הֶערְט אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגְן אַלֶעס גוּטְס אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער)

>>>>>>

לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָנוּ" אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדְאַי לֵיינֶען סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ". וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען אִיז לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

## דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִּים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַּיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל נָאר הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִּים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

## קִידּוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחַר סוֹד כַּוָּנַת ת"ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואויל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַּאר מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

## צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען קֶען זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב; תִּשְׁעָה בְּאָב טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אַזוֹי וֶוערְט גֶעפַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תקנד, סָעִיף א) וַוייל תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז אַ טָאג וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (עַיֵּין נִטְעֵי גַבְרִיאֵל סִימָן עה, סָעִיף קָטָן יט) אַז נָאכְמִיטָאג קֶען מֶען לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא וְכוּ' וְכוּ', מֶעג עֶס לֶערְנֶען תִּשְׁעָה בְּאָב נָאכְמִיטָאג. אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת תִּשְׁעָה בְּאָב, אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְמַאנֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זָאגְט (חוֹדֶשׁ תַּמּוּז אָב - מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמּוּז אָב, מַאֲמָר ב): "סַךְ כָּל הַשָּׁעוֹת מִן הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח", דִי שָׁעוֹת פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז סַךְ הַכֹּל פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ בַּמִּשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים מִנְיַן מַפְתֵּ"חַ", דֶערְפַאר אִיז דָא אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג פְּרָקִים, "כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְּאֻלָּה", וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל מִיר זָאלְן דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, וָואס דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת הַמִּשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת, "וּכְשֶׁמְּדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִינוּ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם", וֶוען מֶען חַזְרְ'ט מִשְׁנַיּוֹת וֶועט גֶעעֶפְנְט וֶוערְן דִי פַארְמַאכְטְקֵייט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ ח, י): "'גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לָשׁוֹן מַתְנִיתִין", יִתְנוּ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁנַיּוֹת, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת אִין גָלוּת, "עַתָּה אֲקַבְּצֵם", וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזְן; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת, בִּפְרָט יֶעצְט אִין דִי טֶעג וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְבָרִים תשע"ח)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי מִיט ר' יִצְחָק זֶענֶען פַארְכַאפְּט אוֹיף אַ מִילִיטֶערִישֶׁע שִׁיף, אַ חָכָם פוּן שְׁטָאט רַאדִישׁ זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט זֵיי אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען, אוּן דֶערְוַוייל שִׁיקְט עֶר זֵיי אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי טָאג פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח.**

### ש

מָאנְטָאג, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד, אִיז ר' יִצְחָק אַרַיין אִין שְׁטָאט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְ'ן חָכָם, דֶער חָכָם הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אַלֶע גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְ'ן שִׁיף אוּן עֶס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטָאט, כְּדֵי דִי אַרַאבֶּער זָאלְן עֶס נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען. אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן.

### שא

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער חָכָם אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען מִיט צְוֵויי גְבִירִים צוּם קַאפִּיטַאן אוּן אִים גֶעזָאגְט, "גֶעבּ אוּנְז דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן". דֶער קַאפִּיטַאן הָאט אָבֶּער גֶע'טַעֲנָה'ט, "וָואס הָאט אִיר מִיט דִי מֶענְטְשְׁן? אִיךְ הָאבּ זֵיי בַּאקוּמֶען פוּן הֶפְקֵר", עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַלֶע שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט אוֹיפְ'ן יַם, אוּן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹיסֶער דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶערְצֵיילְט, הָאבְּן מִיר מִיטְגֶעמַאכְט נָאךְ גָאר אַסַאךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, סְ'אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען אֵיין מִינוּט אָן קַיין צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן מִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעקֶענְט אַרַיינְוַוארְפְן אִין יַם אָדֶער זֵיי פַארְקוֹיפְן פַאר אַרַאבֶּער, אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעלְט אוּן חֲפֵצִים וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט נֶעמֶען אָן קַיין שׁוּם שְׁוֶועריִקֵייטְן. וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז זֵיי הָאבְּן גָאר אַ גוּטְן מַזָל, וַוייל נִישְׁט גֶענוּג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי אַזַא נֵס אַז דִי שִׁיף אִיז פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער, נָאר זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעהַאט מַמָּשׁ אַ נֵס בְּתוֹךְ נֵס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט אוּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דֶעם שֵׂכֶל אַז אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶענוּמֶען אֵיינֶעם פוּן זֵיי אַרַיין אִין שְׁטָאט. יֶעצְט טָאר אִיךְ אָבֶּער גָארְנִישְׁט טוּן צוּ זֵיי, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט נֶעמֶען זֵייעֶר גֶעלְט. אִיךְ וִויל אָבֶּער נִישְׁט אַז מַיינֶע קְנֶעכְט זָאל זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר מִיר גֶעבְּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט טָאלֶער אוּן אִיר קֶענְט זֵיי נֶעמֶען פוּנֶעם שִׁיף".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מְ'הָאט אִים גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, אוּן מְ'הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט מִמָּוֶת לְחַיִּים פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי גַזְלָנִים.

### שב

דֶעמָאלְט זֶענֶען בֵּיידֶע אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק. בַּיים אַרַיינְקוּמֶען אִין שְׁטָאט הָאט דִי אַרַאבֶּער זֵיי חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַלְס שְׁפִּיאָנֶען, דִי אָרְטִיגֶע סְפָרַדִ'ישֶׁע אִידְן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע סָארְט קְלֵיידֶער, זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אוּן ר' יִצְחָק אָנְצוּטוּן, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְזֶען אוֹיפְפַאלְנְד.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, ר' יִצְחָק הָאט אָבֶּער גֶעלַאכְט. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט, "דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואסֶערֶע קִטְרוּג סְ'אִיז דָא אוֹיף אוּנְז אוֹיבְן אִין הִימְל". דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ פַאר ר' יִצְחָק, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט.

### שג

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים אַז עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, הָאבְּן דִי אָרְטִיגֶע חֲכָמִים אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעהַאלְטְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, אוּן מְ'הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען בִּיז נָאךְ יוֹם טוֹב.

דִי שְׁטָאטִישֶׁע אִידְן הָאבְּן גֶעצָאלְט דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט טָאלֶער פוּן זֵייעֶר אֵייגְן טַאשׁ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּרִיק נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן רֶבִּי'ן, כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט דָארְט אַסַאךְ גֶעלְט.

### שד

נָאךְ פֶּסַח הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעגֶעבְּן אַ בְּרִיוו מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אַז אוֹיבּ וֶועט זִיךְ מַאכְן עֶפֶּעס פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיפְ'ן וֶועג חַס וְשָׁלוֹם, זָאל מֶען זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין יֶעדֶע

<<<<<<



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וָואס טוּ אִיךְ מְ'זָאל מִיר נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן אַז אִיךְ נֶעם מֶעדֶעצִין?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דִי שְׁאֵלָה אוּן תְּשׁוּבָה פוּן דֶעם וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר פְּחָדִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דִי שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אֵיינֶער הָאט אַזוֹי שֵׁיין אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן מֵיין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ דִי תְּשׁוּבָה אַז דָאס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין פֶעלֶער צוּ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין וֶוען מְ'דַארְף עֶס הָאבְּן.

מִיט אֵיין פְּרַט אִיז אָבֶּער בַּיי מִיר גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ, אַז עֶר הַאלְט עֶס בְּסוֹד פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס יָא אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר מֵיין רַב. דֶער דָאקְטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין, אַזוֹי וִוי וֶוען אֵיינֶער הָאט קָאפּ וֵוייטָאג נֶעמְט עֶר טֵיילֶענָאל, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דֶעם. אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר מֵיין רָב הָאט עֶר מִיר טַאקֶע אוֹיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן עֶס צוּ נֶעמֶען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר מִיר פוּן דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּצוּקוּקְן. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ קֶען אִים גֶעטְרוֹיעֶן, אִיךְ שְׁמוּעֶס זִיךְ אַלֶץ דוּרְךְ מִיט אִים אִין שְׁלוֹם בַּיִת, חִינוּךְ, אוּן אִין בִּיזְנֶעס, עֶר אִיז אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דָא הָאט זִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מֻצְלָח'דִיגֶער אִינְגֶערְמַאן, דֶער רָב פְלֶעגְט זִיךְ כְּסֵדֶר דוּרְכְרֶעדְן מִיט מִיר אִין פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן, אָבֶּער פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים דָאס דֶערְצֵיילְט הָאט עֶר מִיר אוֹיטָאמַאטִישׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְצוּקוּקְן וִוי אַ נֶערְוְון קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז מִיר טַאקֶע מְחַזֵּק כְּסֵדֶר, עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז דִי חִיזּוּק צֶעבְּרֶעכְט מִיר זֵייעֶר. זַיי מִיר נִישְׁט מְחַזֵּק, נָאר הַאלְט מִיר וַוייטֶער פַאר אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אַז אִיךְ נֶעם מֶעדֶעצִין פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר מְחַזֵּק זַיין אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם בּוּשָׁה צוּ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה וֶוען מֶען דַארְף נֶעמֶען מֶעדֶעצִין אוּן מֶען עַקְשְׁנ'ט זִיךְ דָאס נִישְׁט צוּ נֶעמֶען. וַוייל מֶען קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וִויל זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער פוּנֶעם דָאקְטֶער; מֶען מֵיינְט אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין וֶועט מֶען זַיין אַרָאפְּגֶעקוּקְט.

בְּנוֹגֵעַ וָואס מֶען קוּקְט דִיר אַרָאפּ וְכוּ'; דַארְפְסְט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן קֵיינֶעם אִיבֶּער דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, דֶערְצֵייל נִישְׁט קֵיינֶעם אַז דוּ נֶעמְסְט מֶעדֶעצִין - נִישְׁט פַאר חֲבֵרִים, נִישְׁט פַאר מִשְׁפָּחָה אוּן נִישְׁט פַאר דַיין רָב; דָאס אִיז פְּרִיוַואט צְוִוישְׁן דִיר אוּן דֶער דָאקְטֶער, מֶערְסְטְנְ'ס, אוֹיבּ דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן דִי וַוייבּ דַארְף דָאס בְּלַייבְּן צְוִוישְׁן אַייךְ.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט אַרָאפּ קוּקְן, דַיין הַאלְטְן פוּן זִיךְ אִיז וִויכְטִיגֶער וִוי אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן הַאלְטְן פוּן דִיר; אַז דוּ וֶועסְט זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ וֶועט דִיר גָאר וֵוינִיג אָנְגֵיין וָואס דֶער זָאגְט אוֹיף דִיר אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט וִויסְן בַּיי דִיר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען פַאר דִי מֹחַ מֶעדֶעצִין.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי זִיךְ פֶעלְזְן פֶעסְט, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין שְׁטַארְק, עֶס זָאל נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן? דוּרְךְ אֱמוּנָה; וֶוען מֶען חַזֶרְ'ט אֱמוּנָה, מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, דָאס בּוֹיט אוֹיף דָאס זִיכֶערְקֵייט, מֶען וֶוערְט שְׁטַארְק, מֶען דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס; בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ חַזֶרְ'ן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דֶעם עֶרְשְׁטְן שְׁטִיקְל: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, נָאר עֶר אַלֵיין טוּט אַלֶעס אוּן עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועם צוּ בֶּעטְן, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ אִים דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען. חַזֶר זִיךְ דֶעם אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל, וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ", אִיךְ גְלֵייבּ אַז וֶוען מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן אוּן וֶועט הֶעלְפְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְבָרִים תש"פ)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**



>>>>>>

שְׁטָאט וואו זֵיי קוּמֶען נָאר אָן.

שה

זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן שִׁיף אוּן גֶעפָאהְרְן קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, דִי שִׁיף אִיז גֶעוֶועזְן פוּל מִיט אַסַאךְ גְרֶעקְן אוּן אַסַאךְ פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אוֹיפְ׳ן שִׁיף. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, סְ׳אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דָארְט אַן עֶפִּידֶעמְיֶע רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט זֵיי נִיסִים אַז סְ׳אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוֹיפְ׳ן יַם, אוּן סְ׳הָאט גֶעטְרָאגְן דִי שִׁיף זֵייעֶר שְׁנֶעל קַיין אִיסְטַאנְבּוּל. זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעהַאט יִסוּרִים פוּן דֶעם, פוּן דִי ווִילְדֶע כְוַואלְיֶעס אוּן וַוייל דִי שִׁיף אִיז גֶעפְלוֹיגְן אַזוֹי שְׁנֶעל, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דָאס אָבֶּער גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר זֵיי, וַוייל אַזוֹי זֶענֶען זֵיי שְׁנֶעל אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אִיסְטַאנְבּוּל בִּיז דְרֵיי טָאג.

שו

אִינְמִיטְן וֶועג, זַייעֶנְדִיג אוֹיפְ׳ן שִׁיף וֶועג קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דָארְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט דֶערִין. אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ מַסֶכֶת סוֹטָה פֶּרֶק ה׳ מִשְׁנָה ב׳, בַּיי דִי מִשְׁנֶה "אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ, מִי יְגַלֶּה עָפָר מֵעֵינֶיךָ רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי, שֶׁהָיִיתָ אוֹמֵר עָתִיד דוֹר אַחֵר וְכוּ׳", אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּפְלַאמְט, עֶר הָאט גֶעקְלַאטְשְׁט אוּן גֶעזָאגְט, "וֶוער זֶעט נָאךְ אַזוֹי ווִי מִיר? עֶס אִיז מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן דָא עֶפֶּעס אִין דִי מִשְׁנֶה", עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן וָואס.

אֵיין זַאךְ הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר ר׳ יִצְחָק, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס דִי תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר נָאךְ גֶערֶעדְט מִיט ר׳ יִצְחָק גָאר גְרוֹיסֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט אוֹיסְצוּזָאגְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"


## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite

718-506-4341

Travel the right way


הפצת הגליון נתנדב ע"י

הבה"ח **דוד דייטש** ני"ו

לע"נ ר׳ **יעקב ישורון חיים** ב"ר **אליעזר** ע"ה

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה שבתי מזרחי הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר׳ שבתי, וואס איז אזוי שטארק איבערגעגעבן פאר די מוסדות אין יעדן פרט און צו יעדע צייט, און ספעציעל פאר די שטעטל און קעמפ, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן איםביישטיין צו האבן געזונט פרנסה און נחת, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## התרגשות צום גרויסארטיגן מעמד "ש"ס איד"




ווי א טאג נענטער, ווערט גרעסער די התרגשות צום בעפארשטייענדן גרויסארטיגן מעמד "ש"ס איד", וואס וועט אי"ה פארקומען דעם קומענדיגן זונטאג פרשת ראה, י"ט אב, ביים סיום מסכת שבת פונעם דף הקהלה, ווען אנשי שלומינו וועלן זיך צוזאמקומען אינאיינעם זיך צו שטארקן צו זיין א "ש"ס איד", עס זאל נישט דורכגיין קיין איין טאג אין לעבן אן לערנען א בלאט גמרא.

אין די יעצטיגע טעג ווערט אריינגעלייגט גאר אסאך כוחות צוצוגרייטן דעם מעמד. גאר א הערליכער פראגראם ווערט צוגעגרייט, אז יעדער זאל הנאה האבן און שעפן פרישע כוחות פון דעם גרויסן מעמד.

מ׳קען שוין קויפן טיקעטס צום מעמד אין אלע היימישע געגנטער; ברסלב 347-585-8169, וויליאמסבורג 347-404-8738, בארא פארק 718-506-4341, מאנסי 347-374-1386, קרית יואל 845-467-5299, סטעטן איילענד 347-831-4561, דזשערסי סיטי 347-585-3187, לעיקוואוד 845-608-7775.

**אין שמחה כשמחת התורה!**

***

## קול תורה הילכט אפ אויף די בערג

דאס יאר האט מען נישט געקענט עפענען די קעמפ געהעריג ווי יעדעס יאר צוליב דעם מצב, דער אייבערשטער האט אבער געהאלפן אז די בחורים האבן זיך געקענט מסדר זיין אינעם ברסלב׳ע שטעטל אין אפסטעיט, די בחורים זיצן און לערנען מיט גרויס חשק און פלייס, און נוצן אויס די זומער טעג צו שטייגן בתורה ועבודה.

יעדן טאג לערנט דער ראש ישיבה שליט"א פאר א שיעור גמרא פאר די בחורים, דאס איז אויסער די שיעור התחזקות וואס דער ראש ישיבה געבט יעדן פארנאכטס אום אכט אזייגער פאר די בחורים, וואו עס קומען אויך צו פארן פילע אידן פון נאנט און ווייט מיטצוהאלטן דעם שיעור, און זיך מחזק זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן.

די זומער וואכן זענען די בעסטע הכנה צו די הייליגע טעג, מען פארברענגט נאר מיט די הייליגע תורה און מיט׳ן אייבערשטן, צווישן דיביימער און הימל. עס איז גארנישט דא פאר די אויגן, נאר זיך קונה צו זיין תורה ותפלה ויראת שמים, און מיט דעם צוגיין צום ראש השנה, דער פארכטיגער יום הדין, מיט די אלע גוטע זאכן וואס מען האט זיך איינגעקויפט אינעם זומער.

נאך זומער וועלן אלע בחורים פארן אינאיינעם מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי ווי די לעצטיגע יארן וואס אלע בחורים פארן אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה, און רעכטן אפ דעם יום טוב אין אומאן די תפלות און די סעודות בדיבוק חברים.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

***

## אוקריינע רעגירונג וויל מ׳זאל קומען ראש השנה קיין אומאן

טראץ די שוועריקייטן וואס איז פארהאן דאס יאר מיט די ווירוס, וויל אבער די אוקריינע רעגירונג זייער שטארק אז אידן זאלן יא קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, א זאך וואס ברענגט זיי אריין גאר גרויסע פארדינסטן יעדעס יאר.

די וואך איז פארגעקומען פילע זיצונגען צווישן די רעגירונגס באאמטע אין אוקריינע, אויסצוארבעטן פלענער ווי אזוי מ׳זאל עס קענען צושטאנד ברענגען אן קיין איבעריגע פראבלעמען.

פארשידענע געדאנקען זענען אויפגעברענגט געווארן, צווישן זיי אז מ׳זאל מוזן גיין מיט מאסקעס אין אלע עפנטליכע פלעצער, אז מ׳זאל זיך מעגן דרייען נאר אין די אומגעגנט וואו די אידן זענען אין אומאן, און נישט אין מארק אדער די געשעפטן אין שטאט, אז מ׳זאל כסדר רייניגן אלע פלעצער וואו מענטשן דרייען זיך, אויפשטעלן א ספעציעלע "קאראנע קליניק" אין אומאן, צושטעלן איבעראל גענוג זייף זיך צו קענען וואשן די הענט כסדר, און אזוי ווייטער נאך פארשידענע געדאנקען אז מ׳זאל קענען זיין אין אומאן, און ס׳זאל נישט ברענגען קיין פראבלעמען חס ושלום.

אידישע קינדער דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גוטע אנטוויקלונגען, און זענען ווייטער מתפלל אז מ׳זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה, אזוי ווי דער רבי האט געבעטן און פארלאנגט פון אלע זיינע תלמידים, און זוכה זיין דורך דעם צו א גוט געבענטשט יאר מיט אלע ברכות און ישועות.

**וכל באי עולם עוברין לפניך כבני מרון!**

## ס׳ארבעט נישט פאר מיר

**איך האב שוין געהערט אזויפיל עצות,**
**כ׳האב שוין פרובירט פילע פון זיי, ס׳זעט**
**אבער אויס אז ס׳ארבעט נישט פאר מיר.**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 49**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**